אַרײַן! און זי נעמט אים וואַשן אַזוי, אַז ס׳בלוט איז אים געוואָרן פֿאַרצאַפּט. ער האָט איר נישט געענטפֿערט און דערפֿון איז זי געוואָרן נאָך מער צעיאָכמערט. זי טוט אַ געשריי: וואָס טויג מיר אַזאַ בראָקעלע מאַנעלע? כ׳על דיר קויפֿן אַ שטיי־בענקעלע און דיך אַרײַנלייגן אין אַ וויגל. ווען מײַן מאַמע וואָלט מיך ליב געהאַט, וואָלט זי געפֿונען פֿאַר מיר אַ מאַן, נישט קיין קינפּעט־קינד. ווער ווייסט וואָס זי האָט אים אַלץ געזאָגט? געוועןן איז ער אַ געלער מיט געלע האָר. ער ווערט בלאַס ווי קרייד און טוט אַ זאָג: דײַן צווייטער מאַן וועט שוין זײַן גרויס פֿאַר מיר אויך. און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס, הייבט ער אָן וויינען טאַקע ווי אַ קינד. מ׳האָט אים קיינמאָל נישט געהערט וויינען, אַפֿילו יום־כּיפּור. די מאַטיעכע האָט באַלד איינגענומען שטומעניש. וואָס ווייטער איז געווען ווייס איך נישט. כ׳בין נישט געשטאַנען דערבײַ. מסתמא האָבן זיי זיך איבערגעבעטן, אָבער ס׳איז דאָ אַ ווערטל: אַ פּאַטש פֿאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט.

ס׳גייט אַוועק אַ חודש און מ׳דערציילט אין שטאָט אַן אויסטערלישע זאַך: מאַטיע האָט זיך געבראַכט אַ מענטש פֿון לובלין. וואָס טויג אים אַ מענטש? ר׳האָט אַלע יאָרן געהאַנדלט אַליין, אָן אַ משרת. דער מענטש גייט פֿאַרבײַ די גאַס און אַלע קוקן אים נאָך: אַ מאַנסביל אַ ריז, שוואַרץ ווי אַ קויל, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן און אַ שוואַרצער באָרד. די סוחרים פֿרעגן מאַטיען: וואָס טויג אייך עפּעס אַ מענטש? און ער זאָגט: דער מסחר האָט זיך, דאַנקען גאָט, פֿאַרגרעסערט. כ׳קאָן מען אַליין נישט טראָגן דעם יאָך. נו, מילא, אַוודאי ווייסט ער וואָס ער טוט. אָבער אין אַ קליין שטעטל ווייסט מען וואָס ס׳קאָכט זיך בײַ יענעם אין טעפּל. דער לובלינער — מענדל, האָט ער געהייסן — איז עפּעס גאָרנישט קיין סוחר. ער דרייט זיך אַרום אין הויף און גלאָצט מיט די אויגן. גלאָצט אַהין און גלאָצט אַהער. אויפֿן יאַריד שטייט ער צווישן די וועגענער, קייט אַ שטרוי און ער שטאַרצט אַרויס צווישן גאַנצן המון פּויערים. ער קומט אין בית־מדרש און יידן פֿרעגן: וואָס האָט איר געטאָן אין לובלין? זאָגט ער: כ׳בין אַ וואַלד־ייִד. אַ ווײַב האָט איר? זאָגט ער ניין, ער איז אַן אַלמן. דאָס געהינטעכץ אין דער בריק־גאַס האָט שוין געהאַט וואָס צו פּלאַפּלען און צו שפּייען קלעק. ס׳איז עפּעס טאַקע אויסטערליש: אַזוי ווי דער מאַטיע איז קליין אַזוי איז יענער הויך. אַז זיי רעדן, בויגט ער זיך אײַן ביזן גאַרטל און מאַטיע שטעלט זיך אויף די שפּיץ פֿינגער. אַז זיי גייען צוזאַמען אין גאַס, לויפֿן אַלע צו צו די פֿענצטער. יענער שפּאַנט און מאַטיע לויפֿט אים נאָך. אַז ער שטרעקט אויס אַ האַנט, רירט ער אָן אַ דאַך. ס׳איז עפּעס טאַקע ווי פֿאַרצײַטנס אין טײַטש־חומש, ווען די מרגלים האָבן אויסגעוויזן ווי די הײשעריקן און יענע ווי די ריזן. וואַוינען וואוינט ער טאַקע בײַ מאַטיען און די מאַטיעכע גיט אים קעסט. די ווײַבער טענה׳ן: וואָס



האָט עפּעס מאַטיע אַרײַנגענומען אַזאַ עוג מלך הבשן? און זי ענטפֿערט: כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פֿון קיין בייז שטערנטיכל. וואָלט ער כאָטש געטויגט צום האַנדל, אָבער ער ווייס נישט דעם חילוק צווישן ווייץ און קאָרן. עסט ווי אַ פֿערד און שנאָרכט ווי אַן אָקס. דערצו איז ער אַ מרוק, אַ וואָרט איז בײַ אים אַ רענדל. די מאַטיעכע האָט געהאַט אַ שוועסטער און זי גיסט אויס פֿאַר איר ס׳ביטערע האַרץ. מאַטיע דאַרף אַ מענטש ווי אַ לאָך אין קאָפּ. ס׳איז אַלץ, זאָגט זי, צו׳להכעיס. יענער טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. ער׳ט אונדז אויפֿעסן מכולה — דאָס זענען אירע ווערטער. בײַ אונדז זענען נישט געווען קיין סודות. שכנים שטייען הינטער די פֿענצטער. מ׳לייגט־צו אַן אויער צו דער טיר. וואָס איז דער צו׳להכעיס? — פֿרעגט די שוועסטער און די מאַטיעכע פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין: ווײַל איך האָב אים גערופֿן מפּיל־קינד. מ׳האָט באַלד געוואוסט דערפֿון אין דער גאַנצער שטאָט, אָבער עפּעס גלייבט זיך נישט. וואָס איז דאָ דער צו׳להכעיס? ווײַמען טוט ער אָפּ אויף טערקיש? ס׳איז זײַן געלט, נישט איר געלט. אָבער ווען אַ מענטש נעמט זיך אַרײַן אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, זאָל גאָט אָפּהיטן. ס׳איז טאַקע ווי ס׳שטייט דאָרט, כ׳געדענק שוין נישט וואו.

ב

ס׳גייט נישט פֿאַרבײַ אַ פּאָר וואָכן און די מאַטיעכע קומט וויינען צום רב. רבי, זאָגט זי, מײַן מאַן איז פֿון זינען אַראָפּ. ער האָט זיך אַרײַנגענומען אַן אומזיסטן פֿרעסער אין הויז. אפֿשר איז דאָס ווייניק, האָט ער אים פֿאַרטרויט די גאַנצע קאַסע. יענער האַלט ס׳געלט און ווען זי, די מאַטיעכע, דאַרף עפּעס קויפֿן, איז ער דער קאַסירער. הייליקער רבי, שרײַט זי, ס׳איז אַלץ אויף צופּיקעניש, דערפֿאַר ווײַל כ׳האָב אים גערופֿן טל־ומטר׳ל. דער רב האָט רעכט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס זי וויל — אַ הייליקער איד געווען, אָבער אַ בטלן — און ער זאָגט: איך קאָן מיך נישט מישן אין אײַער מאַנ׳ס מסחרים. רבי, שרײַט זי, ער וויל אַלץ חרוב מאַכן. דער רב שיקט רופֿן מאַטיען און ער טענה׳ט: כ׳האָב גענוג געשלעפּט די זעק. כ׳קאָן מיר פֿאַרגינען מ׳זאָל מיר אַרויסהעלפֿן. בקיצור, דער רב זאָגט: זאָל זײַן שלום. וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן?

מיט אַמאָל ווערט דער קליינער מאַטיע קראַנק. מ׳ווייסט גאָרנישט וואָס ס׳איז אים, נאָר עפּעס ווערט ער ווייס. ווי קליין ער איז, ווערט ער נאָך אײַנגעשרומפּענער. ער קומט אין בית־המדרש דאַווענען און ער שטייט אין ווינקל ווי אַ שאָטן. ס׳איז אַ מאַרק־טאָג, אָבער ער ווײַזט זיך נישט צווישן די פֿורן. די מאַטיעכע פֿרעגט: וואָס איז דיר, מאַן מײַנער? נאָר ער ענטפֿערט: גאָרנישט, גאָרנישט. זי שיקט רופֿן דעם רופֿא, נאָר וואָס ווייסט ער? ער פֿאַרשרײַבט אים אַ קרײַטעכץ, נאָר ס׳העלפֿט נישט. אין מיטן טאָג לייגט זיך דער מאַטיע אַוועק אויפֿן בעט און ליגט. די מאַטיעכע